דוד בערגעלסאָן

# מידת־הדין

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאַג פון ב. קלעצקין

ווילנער פארלאג
ב. קלעצקין

PRINTED IN POLAND

D. Bergelson — „Midas-hadin“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

# I

אויף דער האַרמאָשקע האָט געשפּילט זובאָק, דער אַגענט פון קאַמינאָ-באַלקער באַזונדער-אָפּטיילונג. דער סליעדאָוואַטעל אַנדרעיעוו, אַ לאַנגער, פוילבלעכער לעב-יונג, האָט, זיצנדיק אַקעגן, צוגעקלאַפּט מיט די אָפּצאַסן, פון די לאַקירטע שטיוול, וואָס אויף זיינע דאַרע, אויסגעצויגענע פיס. ער האָט געקלאַפּט גרינג, נאָר אויפן טישל לעבן דער הייסער אייזערנער הרובע האָט זיך דאָך געזעצט דער קליינער ברענענדיקער לאָמפּ; ער האָט געפייפט זייער הילכיק אין דער נאָז אַריין, פּונקט ווי עס פייפט אַ גראַמאָפאָן. דאָס איז געווען זיינס אַ באַזונדערע קענטעניש — נאָכמאַכן אַ גראַמאָפאָן.

דער דריטער מאַנסביל — דער קליינוווקסיקער מאַטראָס איגומענקאָ האָט נישט גערוט: אַלע ווײַלע איז ער געלאָפן אין פאַרשנייטן פינצטערן הויף אַ קוק געבן, צי די אָנגעזאָטלטע פערד שטייען און צי די ביי-באַכטיקע זאַווערוכע האָט זיך געשטילט. איצט איז ער געזעסן שטיל אָן אַ זייט. ער האָט געוויזן אויף אַ בענקל, ווי מען רייט אויף אַ פערד, ער האָט געזויגן פון זיין קורצער פייקע און האָט געשמייכלט נישט מער, ווי מיט איינעם אַ קנייטש, וואָס אויף זיין לינקער באַק; דער דאָזיקער קנייטש האָט געהאַט צו זאָגן:

— שוין געזען אַזעלכע זאַכן... איך ווער נישט נתפּעל.

און אינמיטן צימער האָט געטאַנצט מאַרפושאַ — אַ היימלאָזע שיקסע, וואָס רוימט אין קאַנצעלאַריע און וואָס תּמיד, אַז מ'לאָזט זי אַרײַן אין אַ באַזונדער צימער, זי זאָל דאָרט באַזוכן און אַרומטאַפּן אַ ניי-אַרעסטירטע פרוי, קומט זי נאָכדעם אַרויס צוריק מיט אַ העליש-רויט ברענענדיק פּנים און מיט שעמעוודיק פינטלענדיקע אויגן, גלייך ווי מיט דער פרעמדער פרוי אינעם באַזונדערן צימער האָט זי געטון אַ מאַנסבילשע און זייער נישט אָנשטענדיקע זאַך.

— ניין, — פאַרענטפערט זי זיך און קנייטשט שולדיק מיט די אַקסלען, — גאָרנישט נישט געפונען...

איצט האָט זי אונטער די קלאַנגען פון דער האַרמאָשקע געטאַנצט לאַנג און אָן אָטעם, ווי אין איר וואָלט טאַנצן אַ דיבוק.

געוווסט האָבן די אַרומיקע, אַז זי האָט אַ מאָדנע שוואַכקייט — זי וועט אַזוי טאַנצן ביז די לעצטע כּוחות, ביז זי וועט אומפאַלן. די דאָזיקע שוואַכקייט האָט אין איר אויפגעדעקט זובאָק, דער אַגענט, און באַשטאַנען איז זי דערין, וואָס די קלאַנגען פון איינעם אַ ניגון האָבן זי געצווונגען זיך טראָגן אין דער לופט, ווי דאָס קיצלען אונטער די פּאַכוועס צווינגט אַ מענטשן לאַכן.

אַלע ווײַלע האָט זובאָק מיט אַ פּאָר קורצע האַרמאָשקע־אַקאָרדן געגעבן צו וויסן, אַז ער האַקט דעם ניגון אָפּ. דענסטמאָל האָט מיט אַ פּאָר קורצע באַוועגונגען געזאָלט שטיין בלייבן אויך מאַרפושאַ.

נאָר מיט אַ רגע שפּעטער האָט זובאָק שוין ווידער געשפּילט, און מאַרפושאַ האָט שוין ווייטער געשפּרונגען און איבעראַנייס זיך גע־טראָגן איבערן צימער.

פּלוצים איז מיט מאַרפושען עפּעס געשען. זי האָט אויפגעהערט צו טאַנצן. מיט פונאַנדערגעפאַלענע שיטערע האָר, מיט אַ וויגנדיקער ברוסט איז זי שטיין געבליבן אינמיטן צימער. אירע נאַסע, גלאַנציקע ליפּן האָבן געציטערט און אירע גלעזערנע אויגן האָבן געקוקט אַקעגן אויף דער וואַנט, געקוקט מיט טעמפּער שרעק, ווי די אויגן פון אַ חסר־דעה.

די האַרמאָשקע האָט אויפגעהערט צו שפּילן.

אַנדרעיעוו האָט פאַרביסן די אונטערשטע ליפּ, גלייך ער האָט עמעצן אומגערן אָנגעטראָטן אויפן פוס, זיינע אויגן האָבן געפרעגט:

— וואָס איז?... שוין ווידער?

און דריי פּאָר אויגן האָבן אַ ווײַלע געקוקט אַקעגן צו דער וואַנט, וווהין עס איז מיט שרעק געווען געווענדט מאַרפושעס פּנים.

— שאַ, — האָט אַ הוסט געגעבן זובאָק. — שאַ! הער! הער!

די וואַנט האָט אַרויסגעגעבן טויבע, טעמפּע און שווערע קלעפּ, די קלעפּ האָבן פון אָנהייב זיך געדאַכט ווייטע, ווי זיי וואָלטן קומען טיף פון אונטער דער ערד. נאָר וואָס מער זיי האָבן זיך איבערגעחזרט,

אַלץ נענטער האָט זיך געפילט די עקשנות, מיט וועלכער זיי פּאַלן אין דער וואַנט, אַלץ קלאָרער איז געוואָרן, פונוואַנען זיי קומען — דאָס קלאַפּט אָן פון זיין צימער דער קראַנק-געוואָרענער נאַטשאַלניק און גיט צו וויסן, אַז עס איז שוין צען אַזייגער אינאָוונט — צייט איז, אַז זובאָק, אַנדרעיעוו און איגומענקאָ זאָלן זיך אויפזעצן אויף די פערד און זאָלן אַוועקרייטן צו דער גרענעץ היטן די פאַרשנייטע וועגן.

— אָן שלאָף, — האָט אַ זיפץ געגעבן מאַרפושאַ, — אָ, גאָספּאָדי...

אירע חסר-דעהדיקע אויגן האָבן נאָך אַלץ אַרויפגעקוקט צו דער וואַנט, ווי צו אַ הייליק בילד. אירע נאַסע ליפּן האָבן זיך געשאָקלט, ווי צו אַ געבעט, וואָס קומט פון שרעק:

— שוין די דריטע נאַכט...

נאָר איגומענקאָ דער מאַטראָס האָט שוין געהאַט ביזלעך אַריינ-געצויגן דעם קאָפּ אין די אַקסלען.

— אָט אַ נבלה, — האָט ער אַ קלעם געגעבן די ציין, — אַ צוטשעפּעניש...

און ער האָט אומצופרידן אַוועקגעדרייט זיין פּנים פון דער וואַנט.

דער נאַטשאַלניק איז געווען אַ נייער, אַ יונג אַ ריזיקער און אַ בייזער, מיט אַ באַנדאַזשירטן האַלדז, ווי פון אַ געשוויר, מיט אַ שווערער, הייזעריקלעכער שטימע פון אַ מענטשן, וואָס האָט זיך נאָר-וואָס געלאָזט אויסרייסן טיפע וואָרצלען פון אַ באַק-צאָן. אַז מ׳האָט ביי אים עפּעס געבעטן, האָט ער געשוויגן, נישט געקוקט אין פּנים אַריין, נאָר ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן צו דוכטן, אַז מ׳האָט שוין ביי אים געפּועלט, האָט ער פּלוצים אויסגעפּלאַצט זייער שווער און אומצופרידן:

— טשטאָ ווי?... שוטיטע?

קיינער האָט נישט געוווּסט, פונוואַנען ער שטאַמט און מיט וואָס ער האָט זיך באַשעפטיקט פריער. פון אָנהייב זענען אַוועק ווערן אים קלאַנגען, אַז ער איז אַ געוועזענער מאַגנאַט, געהאַט אייגענע שאַכטעס, געלעבט אין אַ פּאַלאַץ... דערנאָך האָט מען פון זיין געוועזענער רייכ-קייט זייער פיל און פּלוצים אַראָפּגעלאָזט, כאָטש צו „שאַכטעס", איז געבליבן, האָט ער ווירקלעך אַ שייכות — ער איז אַלע זיינע יאָרן געווען

אַן אַרבעטער אין שאַכטעס — פון דאָרט, — פון די שלעכטע גאַזן, וואָס אונטער דער ערד, האָט ער באַקומען זיין קרענק מיטן געשוויר אויפן באַנדאַזשירטן האַלדז. קיין קאַמינאָ-באַלקע פאַר אַ נאַטשאַלניק האָט אים אַראָפּגעבראַכט די חברטע סאַשאַ — אַ יונגע, אַ מאַנסבילש-גרויסע, אַן אַרומפאָרערין, אַ באַפולמעכטיקטע (די זעלבע, וואָס האָט דאָ דעם אַלטן נאַטשאַלניק פאַר נאַכלאַזיקייט אַראָפּגעזעצט). זיין אויסערלעכע שטומקייט, זיין שווערע ריזיקע פיגור האָט זיך דאָ אויף אַלעמען אָנגעלייגט, זי האָט געוואָרגן, און די איינציקע האָפענונג איז געווען, וואָס פון נאָך זיין יאָרן-לאַנגער אַרבעט אין די שאַכטעס איז ער קראַנק מיט עפּעס אַ מאָדנער שווערער קרענק און וועט דאָ לאַנג נישט אַוועקציען.

אַז ער האָט אַראָפּגענומען דעם באַנדאַזש פונעם פּנים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער האַרטער געשוויר אויף זיין האַלדז און אויף זיין נאַקן איז גאָרנישט אַזוי גרויס. נאָר אינמיטן בייטאָג האָט געקאָנט טרעפן, אַז זיין פּנים און זיינע אויגן זאָלן זיך פּלוצים אָנגיסן מיט געלקייט, ווי מ'וואָלט אין אים דורך איינעם אַ מאכל אַריינגעטון אָן אַ שיעור זאַפרען. און דענסטמאָל ליגט ער אין זיין צימער ביי פאַרמאַכטע לאָדן און ליידט גרויסע ווייטיקן. דענסטמאָל הערט מען דאָ נישט זיין קול, און אַלע אָטעמען פריי, יעדערער איז דאַן ווידער, ווי פאַרן אַלטן נאַטשאַלניק, פאַר זיך אַליין אַ פריץ און קאָן טון, וואָס ער וויל.

נאָר אָט ווייזט זיך אַרויס, אַז אויך אין די טעג פון זיינע שווערע ספּאַזמעס הערט ער זיך צו צו אַלץ, וואָס אין קאַמינאָ-באַלקע טוט זיך, אויך דאַן הייבט ער אָן געבן צו פילן, אַז ער איז דער נייער נאַטשאַלניק פיליפּאָוו — ער גיט אָפּ באַפעלן.

— איז וואָס? — האָט איגומענקאָ אַ פרעג געטון מיט גאַל. — איז גייען מיר, צי ניין?

מ'האָט צום לעצטן מאָל פאַררויכערט און ביים פאַררויכערן האָט מען אַריינגעבליקט איינער דעם אַנדערן אין די אויגן.

איין בליק האָט וועגן דעם נייעם נאַטשאַלניק געזאָגט דעם צווייטן:

— אַ קראַנקער פּגר.

— קיין אַרעסטירטע פון דער גרענעץ ברענגען מיר נישט אַפילו איינעם.

— אַ מכּה אים אין גאָרגל.
— זאָל ער אַליין גיין היטן די גרענעץ.
— זאָל ער פּוילן.

אַלע דריי האָבן מיט פאַרדרוס גענומען זיך אָנפּעלצן, פאַרבינדן מיט די קאַפּטערס די אויערן און זיך אַרויסרוקן איינער נאָכן צווייטן אין זאַווערוכעדיק קאַלטן, פינצטערן דרויסן.

פון יענער זייט טיר זענען ביסלעכווייז אָפּגעשטאָרבן אומצופרידענע, פיל מאָל איבערגעחזרטע קלאַנגען — דאָס האָט דער מאַטראָס איגומענקאָ בייז געשאָלטן פאַר אַלע דריי:

— ררראָם — טערררריבאָם !... ררראָם טערררריבאָם !...

---

אין פאַרשנייטן קאַמינאַ־באַלקער הויף (אַ קיילעכדיקער הויף פון אַ געוועזענעם מאַנאַסטיר אין פּוסטן פעלד), אינמיטן דיביימער — אַ סלופּ מיט אַן אייביק אויסגעלאָשענעם לאַמטערן.

אַרום לאַמטערן דרייט זיך אַן אייביקער רוח — אַ ווינט; ער קלאַפּט מיט די געבליבענע שטיקער פון די געפּלאַצטע שויבן.

און אַרום סלופּ ליידן דריי אָנגעזאָטלטע פערד פונעם ביינאַכטיקן פעלד־שטורעם.

קאַלטע דראָטן פּאַטשן און שטעכן זייערע לייבער.

אַרום די פערד שטויבט און לופטערט זיך דער שניי; ער קומט פונעם ווינקל, וווּ אַ גרופּע אויסגעקרימטע קלויסטער־שפּיצן מיט פאַרבראָכענע צלמים שטייט פאַרכמורעט און וויסט — אַ גרופּע צלמים, אַקעגן וועלכע קיינער צלמט זיך נישט מער.

דער שניי רויכערט זיך אונטער די פערדס בייכער, ער פאַלט, ווי פון אונטער טויזנטער זיפּן, נאָר אין טונקעלער ביינאַכטיקער בלאַסקייט איז שווער צו וויסן פונוואַנען פאַלט ער — פון אויבן צי פון אונטן.

— מיאוס, מיאוס אַריינגעפאַלן, — פאַרמעסט זיך דער סליעדאָוואַטעל אַנדרעיעוו צו זיין פערד נאָך פון וויטנס, — ראַז, דוואַ, טרי !

און מיט אַ שפּרונג פון אַ מענטשן, וואָס וואַרפט זיך אַריין אין קאַלט וואַסער, בלייבט ער ליגן מיטן בויך אויפן זאָטל פון זיין

דאַרן שוואַרצן פערד, ער גיט זיך בריהש אַ דריי, געפינט מיט די פיס די סטרעמינעס און קנאַקט אָפּ אַ פסוק:

— „בוריאַ מגלאָיו ניעבאָ קראָיעט, וויכרי סניעזשניע קרוטיאַ".

— נו, וואָס, — פוילט ער זיך אומקוקן און שטרעקט אויס אַ האַנט אין אַ פוטערנער הענטשקע אויף צוריק, — מ'זיצט, אַ?

— ררראַם טעראַראַם, ררראַם טעראַראַם!

דאָס מוז איגומענקאָ דער מאַטראָס מאַכן אַ פּאָר געשווינדע הקפות, ביז ער כאַפּט זיך אַרויף אויף זיין קליינעם משוגעוואַטן פערדל.

— אין אַלע מאַמעס אַריין, — ענטפערט ער אַ פאַרשפעטיקטער, — מ'זיצט, מ'זיצט!

ער אָטעמט שווער:

— פיר, אַנדרעיעוו.

— וווהין?

אַזש צום וועלדל.

— ביען!

איצט רייט מען אַרויס פון הויף, ווי אין אַ סגול — דער שפּיץ פון סגול איז אַנדרעיעוו.

ער מוז פרייליך ענדיקן זיין פסוק:

„טאָ קאַק זוויער אָנאַ זאַוואָיעט, טאָ זאַפּלאַטשעט, קאַק דיטיאַ".

ער איז דער סאַמע וויכער און געלאַסענער צווישן אָט דער קליינער חברה.

זיין כאַראַקטער:

אַן אָפּגעלאָזענער, אַ פוילער, נאָר אַ גרינגער און שפּילעוודיקער — אַ געבליבענע ירושה פון זיין אַמאָליקן פריצישן שטאַם. ערגעץ-ווו, טיף אין גאָרגל זיצן ביי אים נאָך ביז איצט אייניקע קלאַנגען פון אַ יונגן געפּעסטעטן יונקער.

מיט די דאָזיקע קלאַנגען פאַרוואונדערט ער אַרום זיך מענטשן, איבערהויפּט ביינאַכט, ווען מיט אַ שיסעריי פון בראַונינגען קומט אויס אָפּשטעלן ביי דער גרענעץ אַ גאַנצע שורה יאָגנדיקע פורן. אין אַזעלכע פאַלן האָבן זובאַק און איגומענקאָ שטאַרק געזידלט. מיטווילדע קולות און מיט געשרייען האָבן זיי אויף די איבערגעשראָקענע פורן געמאַכט דעם איינדרוק, ווי עס זידלט זיך אַ גאַנצער פּאָלק. אויב זיי האָבן דאָרט

ביי די פּאַסאַזשירן געטרייסלט די טאַשן, האָבן זיי דאָס געטון נישט צוליב זיך און נישט צוליבן געזעץ, נאָר פּשוט צוליב דער פרייד, וואָס ביי בורזשויען וועלן די טאַשן זיין ליידיק.

דערפאַר האָט דאַן אַנדרעיעוו געאַרבעט גאַנץ אָפּגעטיילט און אייגנאַרטיק. פאַר רייך־געפּעלצטע פרויען, וואָס הויקערן זיך אין די וואַגנס, מ'זאָל זייער רייכקייט נישט אַרויסזען, האָט ער זיך דאָרט זייער לייטיש פאַרנייגט, ער האָט אַראָפּגענומען פאַר זיי זיין היטל און האָט איידל געפרעגט:

— מאַדאַם, אַ או וואָס דיענגי יעסט?

און אַז מ'האָט אים געלט געגעבן, האָט ער נישט געציילט און זיך נישט געדונגען. ער האָט זיך ווידער איידל פאַרנייגט און האָט געענטפערט נישט פּשוט „מערסי", נאָר טיף פון גומען אַרויס, ווי אַ פראַנצויז:

— מעג־סי.

בכלל איז געווען זייער שווער, ער זאָל אויפגעבראַכט ווערן און זאָל אַרויס פון די כּלים.

און אָט, אַפילו איצט, אין אָט דער שטורעמדיקער ווינטער־נאַכט — די בייזע אויפפירונג פון דעם נייעם קראַנקן נאַטשאַלניק האָט אים ווייניק־וואָס גערירט, דענסטמאָל, ווען די איבעריקע צוויי, איבער־הויפּט איגומענקאָ, איז זי דערגאַנגען ביז דער לעבער.

איגומענקאָ האָט געזאָטן. ער האָט אויסגעלאָזט זיין ביטער האַרץ צו זיין קליינעם פערדל, וואָס האָט פריער, ביים אַרויספאָרן פון הויף, געמאַכט משוגענע שטיק, און האָט דעם געטון דאָס, וואָס ער וואָלט מיט גרויס פאַרגעניגן איצט געטון דעם נייעם נאַטשאַלניק — ער האָט שטאַרק געשלאָגן מיט אַ פויסט איבער דעם פערדלס קאָפּ צווישן די אויערן, און זיינע פּיס האָבן דערביי אָן אויפהער געבויכקעט לויטן ריטם פון אַ געוויסער קללה.

סוף־כּל־סוף איז מען אַזוי אינדרייען אַרויס אויף פרייען ביי־נאַכטיקן ווינט.

אַרום איז געלעגן אַ גלייך פעלד, געלעגן פאַרשאָטן און אומ־ענדלעך, ווי אַ ווייסער שנייִקער מדבר. דער שטורעם האָט זיך דאָ געטראָגן פון רעכטס אויף לינקס.

גרויסע פאַרהוילענע הענט האָבן פריילעך אויפגעהויבן גאַנצע הויפנס שניי און האָבן זיי אויך אַזוי פריילעך צוריק פון די זשמעניעס אַרויסגעלאָזט.

אַנדרעיעוו האָט אויסגעפונען, אַז פוילן זיך איז אַ גאָלדענע זאַך, און אָט אַפילו איצט, ווען דער ווינט פּאַטשט אין פּנים אַריין און, אָטעמענדיק מיט אַ פייף, קריכט זיין שפּרינגענדיק פערד ביזן בויך אין שניי — בעסער איז דאַן, אַז מ׳בייגט אָן דעם קאָפּ און מ׳פאַרמאַכט די אויגן, און זאָל זיין פערד טראָגן, וווהין עס וויל.

— איך זע נישט גאָרנישט, — האָט ער צו די הינטן־געבליבענע חברים אָפּגעלאָזט אַ דעפּעש מיטן ווינט, — פאַרשאָטן אַלע וועגן.

— פיר, פיר, — האָט אים פון הינטן אָנגעיאָגט אַ שוואַכער ענטפער, — האַלט לינקס.

לינקס איז געווען ווייניקער שניי און מער ווינט. דער געלויף פון די דריי רייטער איז דאָרט גלייך איבערגעגאַנגען אין אַ געשווינד הינקען.

און פון אויבן איז דער הימל באַשטאַנען פון געפּלאַצטע שטומע בערג — פון צווישן רויכיקע וואָלקנס האָט נאָכגעיאָגט די רייטער אַ יונגע הינקענדיקע לבנה. די לבנה האָט צוגעהינקט ביז דעם אָנהייב פונעם פאַרווייעטן וועלדל, ווו די רייטער האָבן זיך אויסבאַהאַלטן פון ביי־נאַכטיקן שטורעם און פון ווינט.

און ערגעץ ווייט אין פעלד, ביי דער שיין פון דער זעלבער לבנה האָט זיך דער לופט געחלומט אַ גליטשעריי פון פיל שליטנס, אַ ניסעריי פון לויפנדיקע פערד.

איצט ביי האַלבער נאַכט איז סאַמע געווען די צייט דערויף — פונקט איצט האָבן זיך גנבהש גערוקט גאַנצע שייקעס פורן מיט די טיף פאַרשנייטע אויסבאַהאַלטענע וועגן, וואָס קעגנאיבער דעם וואַלד, — מ׳איז דאָרט געפאָרן פונעם נאָענטן שטעטל גאָליכאָווקע צו דער גרענעץ, מ׳איז דאָרט אַזוי געפאָרן נאַכט ביי נאַכט און זיך געוווּנדערט:

— מאָדנע... קיינער היט נישט... פראַנק און פריי...

---

אָט אַזוי איז איינע פון יענע נעכט פאַרבליבן ביי אַנדרעיעוון, זובאָקן און איגומענקאָן אין זכרון:

אַ נאַכט פון חלומות און פון פּוסטע גליקן.

אַז מ'איז זיך נאָכדעם איבערגעשלאָפן, איז מען געווען, ווי־הולהדיק — מ'האָט אויפגעהערט צו גלויבן:

— געווען די נאַכט, צי ניין?

נאָכגעבאָמבלט האָבן זיך בלויז דער נאַכטס איינצלנע שטיקער. זיי־האָבן געקיצלט דעם זכרון.

פון אָנהייב:

די פולע לבנה — אַ מעשענע זאַך מיט אַ פּנים פון אַ פּגר־שווימט, שווימט. קיין אויגן האָט עס נישט, קוקן וויל עס דאָך.

אַביסל שפּעטער:

דער אָנהייב פון פּאַרווייעטן וועלדל אינמיטן אַ שנייִקער קאַלטער נאַכט. אַז מ'איז דאָרט אַראָפּ פון די פערד, האָט מען גלייך דערפילט, ווי עס גריבלט אין האַרצן.

איצטיקס מאָל האָבן גאַליכאָוועקער בעל־עגלהס געפירט זייערע פאַרשוינען צו דער גרענעץ מיט אַ פּיל נענטערן וועג, ווי תמיד: זיי־זענען געפאָרן מיט דעם וואַלד.

נאָך שפּעטער:

— לעמעשקע אַנדרעיעוו!...

איגומענקאָ האָט אים דאָרט מיט היץ אין די אויגן גלייך אַרויס־געזאָגט זיין מיינונג:

— ביסט נישט קיין סליעדאָוואַטעל, ביסט אַ... רררַאַם טעראַיבאָם!

ווייל אויב מ'האָט אָפּגערעדט נישט צו ברענגען דעם נייעם נאַטשאַלניק קיין אַרעסטירטע פון דער גרענעץ, דאַרף עס בלייבן אָפּגערעדט.

נאָר אַנדרעיעוו, אויב ער איז נישט שיכור און נישט פרייליך, איז ער בכלל איינגעשפּאַרט און פאַרעקשנט, אָט ווי לאַנג ער איז. רעדסטו צו אים, איז ווי צו דער וואַנט. אים גריבלט אין האַרצן מער, ווי איגומענקאָן און זובאָקן. נאָכן אויסגערויכערטן פּאַפּיראָס ציט ער דעריבער אַריין זיין קאָפּ אין די אַקסלען און לאָזט אַרויס אַ גענעץ פון אַ געוועזענעם פריץ, אַ הויכן מיט אַ קוויטשעקל. אים גלוסט זיך דאָך כאַפּן ביי דער גרענעץ אַ פּאָר בעל־עגלהס מיט פּאַסאַזשירן...

— ווייס איך וואָס! — זאָגט ער, — כאַפּט אים שמאָני, דעם נייעם באַטשאַלניק...

זובאָק דער אַגענט קוקט אויף אים מיט גדלות אין די ברעמען, זוי תּמיד בעת ער באַטראַכט מענטשן, וואָס זענען עובר דאָס געזעץ. באָר אַנדרעיעוון גייט דאָס נישט אָן. זיינע אויגן — אויגן פון אַ נישט דערקוילעטער שאָף — קוקן נאָכן גענעץ בוימלדיק און ענטפערן איגומענקאָן: — ביסטו אַ בהמה, ברודערקע! — שוין צייט דיר וויסן: לאַנגווייליק ווערט אינמיטן דער נאַכט אַ סליעדאָוואַטעל פון קאַמינאַ-באַלקע בעת ער דערמאָנט זיך, אַז ער איז אַמאָל געווען אַ יונקער... ער מוז עפּעס טון...

ער הייבט אָן אַוועקצושפּאַצירן צווישן די ביימער אין אָנהייב וועלדל און מאַכט אַן אויסטען, גלייך ער האָט עפּעס פאַרלוירן. ער פאַרשווינדט און קומט באַלד צוריק מיט אַ נייס:

— נו, פאַרשטענדלעך. אַ וועג אָט דאָ באַלד צווישן די ביימער — פרישע שפּורן פון אַ שליטן.

— וווּ, אַ וועג?

— נו, מיט איין וואָרט...

גאָר, גאָר שפּעטער:

אַ וועג אַ גנב. ער ציט זיך אין אָנהייב וועלדל שמאָל, פאַרטייעט און ניי. ער איז פול מיט עזות.

עס פאַרדריסט דער איינפאַל צו פאָרן צו דער גרענעץ דווקא דאָ באָענט, ביי קאַמינאַ-באַלקע אונטער דער נאָז — אַן איינפאַל פון גאָלי-באָווקער גנבים-בעל-עגלהס.

איגומענקאָ זיצט שוין אויפן פערד און יאָגט דער ערשטער אַוועק מיט אָט דעם וועג:

— איז וואָרט-זשע, — שרייט ער — ררראָם טעראַיבאָם...

אין יענער נאַכט האָט מען געפּאַקט אַ פורל, וואָס האָט אינמיטן וואַלד אַראָפּגענייגט פון וועג, אַראָפּגענייגט אַזוי פויל, גלייך עס איז באָר אויסן געווען אָפּצוטרעטן דריי רייטער דעם פרייען דורכפאָר.

נאָך דעם ערשטן געשריי, וואָס מ'האָט אויפן פורל געגעבן, האָט זיך עס אָפּגעשטעלט מאָדנע שווייגנדיק, אונטערטעניק, גלייך עס וויל זאָגן: — נו, אָט... גאָט צו דאַנקען — נישט אומזיסט געפּלאָטערט דעם

גאַנצן וועג... געגלויבט די גאַנצע נאַכט, אַז אַזוי וועט טרעפן.

דענסטמאָל איז מען צוגעריטן גאָר נאָענט צום פורל און גענומען עס באַטראַכטן:

אַ בידנע פורל פון נאָענטן שטעטל גאָליכאָווקע — אַ פּשוט בעל-עגלהש פורל מיט אַ דרייצניאָריק ייִנגל — אַ שמייסערל און מיט אַ יונגער רייך-געפּעלצטער פרוי, וואָס האַלט אַ צוויי-יאָריק שלאָפנדיק קינד אויפן שויס און איז גלייך אין אַלץ זיך מודה.

מ׳פרעגט זי:

— צו דער גרענעץ?

זי ענטפערט זייער שטיל. זי שאָקלט קוים מיט די ליפּן:

— צו דער גרענעץ.

אָקאָרשט נאָכדעם הייבט זיך אויף איר קאָפּ און טוט אַ קוק אויף די רייטער מיט די אויגן — מאָדנע אויגן, גלייך יעדער אויג האָט טיף אין זיך נאָך אַ פרוי, און ביי יעדער פרוי הענגט דאָרט אַ צלמל אויף דער ברוסט.

זי איז אַ קריסטלעכע...

זי זיפצט:

— ניין. טייערינקע, — זאָגט זי, — קיין שלעכטס וועט איר מיר נישט טון... איך ווייס: קיין קאַמינאָ-באַלקע וועט איר מיך נישט פירן. איך קאָן אַזעלכע, ווי איר, איך האָב זיי ליב...

---

אויף מאָרגן נאָך אַ שפּעטן שלאָף אויפן טאָג איז מען געווען בייז, ווי נאָך אַ בשותפותדיקער עבֿרה.

מ׳האָט געלופטערט די פאַרטשאַדעטע נשמות אין קאַמינאָ-באַלקער פאַרשנייטן הויף — זיך געלופטערט פון דעם שפּיצל, וואָס מ׳האָט ביינאַכט אָפּגעטון דעם נייעם קראַנקן נאַטשאַלניק — אים אויף צו-להכעיס האָט מען די פרוי נישט פאַרהאַלטן. מ׳האָט זיך נאָר אַ גאַנצע נאַכט געדרייט אַרום איר אין וואַלד — איר נאָכגעריטן, ווי אַ קליינע טיטשקע הינט נאָך אַ צויג, און זי אומגעקערט פון גרענעץ, זי אָפּגעלאָזט צוריק אין נאָענטן שטעטל אַריין.

איצט איז מען אַלע דריי געווען נישט מער, ווי אַ חלום, וואָס געדענקט זיך פון ביינאַכט, ווי דער פרויס אויגן — אויגן מיט צלמלעך

אין די שוואַרצאַפּל — זיי קוקן מיט בעטלערישן חן און גיבן אַרויס יצר־הרעדיקע וועקסלען. זאָגן צו אַלדאָס גוטס.

— אָט באַלד, טייערינקע...

— אָט באַלד...

זי האָט זיי דאָרט געגאַרט אַ גאַנצע נאַכט... און סוף־כּל־סוף האָט זי זיי דאָרט אַלע אָפּגעשווינדלט און מיט גרויען טאָג־ליכט זיך אַרויסגעגאַרט מיט גאָרנישט פון זייערע הענט.

איצט האָט זי דעריבער נאָך אַלץ ביי אַלע דריי פאַרפולט דעם זכּרון. מ׳האָט געדענקט די צוויי גרויסע שווערע קערבּ, וואָס זי האָט מיט זיך געפירט, מ׳האָט געדענקט דאָס פיינע נקבה־לייב, וואָס האָט זיך באַהאַלטן אינם רייכן פעלץ — געדענקט מיט קלעמעניש, מיט חרטה און געהאַט פאַרדרוס:

— אָט אַ שטיק זכרטע!

— אָט ווען זי וועט זיך פּאַקן נאָכאַמאָל... רראַם טעריבאָם.

IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

Bergelson, David. *Mides hadin*, 5–16. Wilno: Kletskin farlag, 1929.